מיר וואלטן אזוי – מיט'ן פראוואזאריש געעפנטן וואנט – געבליבן אויף ווער ווייסט ווי לאנג נאך, ווען נישט עס איז געקומען לעזרת ה' בגיבורים דער עמוד התווך און רוח החיים פון בית המדרש האדם היקר באנשים, הרה"ח ר' מאיר שילער שליט"א. הוא הגבר, וועלכער פארדינט אן אייביגער הכרת הטוב. גרויס איז זיין שכר און פילצאליג זענען זיינע זכותים.

צו ר' מאיר דארפן מיר זאגן וואס הרה"ק ר' שלו' מבעלז זי"ע האט געזאגט: עס שטייט "אבן מקיר תזעק" אז אויב מ'געט געלט

לבנין ביהמ"ד, איז אחר אריכת ימים ושנים של האדם שרייט דער שטיין, דער איז דער מענטש וואס האט מיר געבויט. ווי הויעך שרייט און וועט שטענדיג שרייען ביהמ"ד ראחמיסטריווקא מאנסי לזכותו פון אונזער ר' מאיר שילער! בפרט נאך אז ער האט דאס אלץ געגעבן אין א לשמה'דיגן אופן זייענדיג עס מקדיש געווען לע"נ מאור חייו הרה"ח רבי משה אייזנבאך זכרונו לברכה.

ברוך השם אז טראץ די שווערע און אומפאראויסזעענדע עיכובים וואס מיר האבן כסדר געהאט "מבית ומבחוץ" [צופרידנצושטעלן דעם רצון און דעת מכל אחד ואחד פון א ציבור איז כידוע פון די גאר־שווערסטע זאכן...] זענען מיר דאך אנגעקומען עד הלום. מ'האט געהאט גרויס סיעתא דשמיא מדי יום ביומו, מדי שבוע בשבוע, ביז מיר זעען ב"ה דעם מקדש מעט בבנינה ובתפארה.

פיל מאל בשעת די עבודה במשך די חדשים פון זיין פארנומען מיט'ן בויען וכו', וכו', האב איך געשפירט עס גייט מער נישט ווייטער. כ'האב בוודאי באקומען ווארימע דערמוטיגונג פון מתפללי הביהמ"ד, בעיקר אבער איז געווען די טרייבקראפט - ווי שוין אויבן געזאגט - צו ממשיך זיין דרכי אמי אשה יראת ה' און ברענגען זכותים לעילוי נשמתה בגן עדן גנתא.

די חשיבות הענין מכל הצדדים האט מיר געהאלפן איבערקומען אלע שטיינער אין וועג. ווי דער דובנער מגיד זצ"ל ברענגט אין א משל, אז ווען א מענטש טראגט א שווער פעקל, אויב ווייסט ער אז ס'איז גאר טייערע סחורה ווערט לייכט דאס טראגן.

גאר טייער איז מיר דער הייליגער מקום געפינענדיג דא מורנו הרב אב"ד שליט"א. כ'דאנק דעם רבש"ע פאר מיר ברענגען לפונדק

זה וואו כ'האב די זכי' זיך צו קענען געפינען אין די ד' אמות של קדושה, וואו עס גיסט זיך צונויף דער פשטות האמיתית מרבותינו הקדושים מיט'ן פולן חן פון אמאליגן ירושלים של מעלה. פיל בין איך נהנה פון רב שליט"א בעצה ותושי' בהרבה ענינים בכל עת ועונה. יעזור השי"ת שעוד רבות בשנים יזכה להאריך על ממלכתו מתוך הרחבת הדעת וכט"ס.

*

כאן המקום להודות הני אנשים יקרים ואישים חשובים, וואס זענען געשטאנען לימין העבודה, זה בכה וזה בכה און האבן גאר אסאך בייגעטראגן להצלחתה. אזוי ווי מוה"ר משה גרינבערג הי"ו - ווי שוין דערמאנט, מו"ה אהרן יאקאב הי"ו, מו"ה משה יושע קרעמער הי"ו דער עסקן לבית כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א וועלכער האט כסדר מעודד ומעורר געווען פאר'ן שוואונג פון דער עסקנות, און מו"ה יצחק וויינבערגער הי"ו, וועם עס קומט באזונדערע אנערקענונג פאר'ן העלפן דערמעגליכן דעם ערשיינונג פון קונטרס וואס איר האלט אצינד אין האנט.

גאר שטארקע לויב ווערטער וויל איך דא איבערגעבן דעם פערזענליכקייט פון ביהמ"ד הרבני החשוב מוה"ר משה זאב דאפעלט הי"ו. אויסער זיין נדבה גדולה וחשובה צו קענען קויפן דעם נייעם ארון הקודש, איז ער כסדר געווען איבערגעגעבן מיט וואס נאר מעגליך.

דאס זעלבע קום איך הכרת הטוב פאר ידיד נפשי העסקן הגדול מראשוני מתפללי בית מדרשנו מוה"ר שמשון לויבער הי"ו מייסד ומנהל חברת "ביקור חולים דראקלענד קאונטי", וואס ברוב דעת ותבונה איז ער געווען א מקור פון חיזוק און ייעוץ לאורך כל הדרך.

ואחרון חביב דערמאנען מיר לטובה ולברכה דעם חשוב'ן מוה"ר ברוך שטיינמענץ הי"ו, וואס דורך זיין טאלאנט בחכמת הבני' און געטריישאפט למען בית מדרשנו, איז עבודתו בקודש ארויסגעקומען יפה ומהודר לשם ולתפארת.

צום שלוס: א הודאה כללית מכל לבי לכל מתפללי ביהמ"ד, פאר'ן מקבל זיין בסבר פנים יפות דעם וועד קרן הבנין און זיך משתתף זיין בעין יפה וברוח נדיבה. ויה"ר מקמי שמיא שזכות בנין מקדש מעט זאל ביישטיין לכאו"א ובקרוב נזכה לבנין בית המקדש השלישי במהרה בימינו אמן.

*בידידות ובהכרת הטוב; שבתי פאלכטמאן*

# זכר חסיד לברכה

דער חנוכת בית המדרש צו וועלכן מיר זענען אצינד זוכה קומט פאר אין יארצייט טאג פון הרב החסיד רבי משה אייזנבאך ז"ל, וואס לעילוי נשמתו הטהורה האט א מתפלל חשוב מנדב געווען דעם גרעסטן תרומת הקודש לבנין ביהמ"ד. פאלגענד איז א מאמר מיוחד פונעם מתפלל'ס פערזענליכע זכרונות און הרגשים נאכ'ן האבן די זכי' צו נתקרב ווערן אל האי חסיד מדור הקודם זכרונו לברכה.

איינס פון די שווערסטע פרימארגענס איז געווען פאר'ן שטעטל סקווירא, "יענעם כ"א אדר אינדערפרי" ווען דער בשורה לא טובה פון הסתלקות הרב החסיד רבי משה אייזנבאך ז"ל איז אנגעקומען צווישן די איינוואוינער. ס'איז דאן געפאלן און פארלוירן געגאנגען א לייכט-טורעם פון תורה וחסידות וואס האט געלאכטן און געשיינט מיט אן אמאליגן ליכט און שיין.

עס איז שוין זינט דאן אריבער א דריי דורות'דיגער תקופה, וואס איז גענוג א פעריאד פון צייט צו קענען האבן געזען און צו קענען האבן געלערנט פיל מענטשן און פיל פערזענליכקייטן. דאך פאר מיר און פאר אלע וואס האבן געקענט ר' משה ז"ל, איז ער נאך אלץ פארבליבן אלס אן איינגארטיגער חסידישער טיפ אשר רוח אלקים בו וואס איז דאן און איז היינט כמעט ווי נישט צו טרעפן.

ער איז געווען א איד וואס זיין הליכות היום בתורה ובעבודה איז געווען טאג טעגליך אויף א הויכן דרגא וואס יעדער מבקש ה' טוט צו דעם שטרעבן און וואלט געוויס געוואלט אהין דערגרייכן. זיין עצם מהות, וואס ער האט פון זיך אליין אזויפיל פארלאנגט, איז פאר זיינע ארומיגע געווען אזא סארט פערזענליכקייט וואס האט פון אנדערע אויך געמאכט פאדערן א בעסערן און ערנסטערן לעבנס-וועג.

באמת פיל איך אז ס'איז שווער צו איבערגעבן און צו מסביר זיין דעם ניי-אויפגעקומענעם דור, אפילו פאר די וואס זענען נתגדל געווארן אין חדר החסידות, וואס אזא חסידישער איד ווי רבי משה אייזנבאך ז"ל האט מיט זיך פארגעשטעלט. פאר פיל פון די נייע דורות איז עס מעגליך אומפארשטענדליך די סארט מדרגות וואס מ'האט ביי אים געזען און ווי העכער ער איז געשטאנען פון אלץ וואס איז נישט ריין און אמת'דיג תורה'דיג געגוי ווי עס האבן אים געלערנט זיינע הייליגע רבי'ס.

זיינע זארגן זענען געווען כולו רוחניות'דיגע. זיין פשוט'ע טעגליכע צוגאנג צו אלץ וואס איז נויטיג אין לעבן איז געווען מיט אזא דערהויבענעם ערנסטערקייט אז ס'האט איבערגענומען א יעדן וואס האט זיך נאר געטון דערין מתבונן זיין. "מראש צורים אראנו ומגבעות אשורנו." "מיר האבן אים געזען אלס א ריז מדור הקודם וואס איז בתוכנו געווען א מתנה מן השמים זיך צו קענען פון אים לערנען און צו וויסן וואס אזוינס עס זענען די עיקרים פון אן ערליכן איד.

אט טאקע "למען תלך בדרך טובים ואורחות צדיקים תשמור" כדי אונזערע קינדער - כ'האב דא אין זין מיינע אייגענע, ווי אויך ר' משה'ס און אלע אנדערע וועלכע ווילן הערן - זאלן וויסן וואס עס

איז דער אפטייטש פון א חסידישן איד פון פריערדיגן דור און זאלן זיך קענען אליין פרעגן "מתי יגיעו מעשי" צו אזא סארט העכערקייט. דערפאר פיל איך אלס א חוב צו איבערגעבן וואס כ'האב אליין מיטגעלעבט און בייגעוואוינט. עס זאל דינען נישט אלס א קוואל פון ידיעה נאר אלס א באלערנדער דוגמא וואס פאדערט און מאנט שטענדיג רוחניות'דיגער הארוואניע.

## - ר' משה בלייבט אין ביהמ"ד -



ר' משה'ס פאטער
ר' שלמה אהרן ז"ל

אין דער שטאט יארוסלאוו אין פולין איז ר' משה געבוירן געווארן צו זיינע חשוב'ע עלטערן בלאזשעבע חסידים. ווי באלד נאר ער איז אויפגעוואקסן און אנגעהויבן אליין קענען לערנען איז ער געווארן באקאנט אלס דער מתמיד וואס זיצט און לערנט אין בעלזער בית המדרש פון שטאט. אונטער די עינא פקיחא אוןווארימער דערמוטיגונג פון הגאון הגדול רבי שלו' בראנדער ז"ל - נאכ'ן מלחמה ראש ישיבת בעלז אין ירושלים - האט ר' משה אייזנבאך פיל תורה קונה געווען און ר' שלו' מצדו האט אים אויך עד אין שיעור מחשיב געווען.

בעת די גרויזאמע יארן פון חורבן אייראפע האט זיך ר' משה געפינען אין סיביר און שווער געליטן פון די קאמוניסטן. ער איז

דארט ל"ע קראנק געווארן אויפ'ן הארץ, וואס האט אים שוין דערנאך באגלייט ביז צו זיין פריצייטיגן הסתלקות. כאטש זייענדיג אין די שווערע סיבירי'שע אומשטענדן האט זיך זיין צלם אלקים קיינמאל נישט אפגעטון. ווי ווייט ס'נאר מעגליך געווען האט ער אנגעהאלטן זיין התדבקות בה' סיי דורך דאווענען, סיי דורך לערנען און סיי מיט פארטיפנדע מחשבות באמונה ובבטחון עד להפליא.

ביים רגע וואס ער איז ארויס פון אונטער די קאמוניסטישע נעגל און געווארן פריי איז זיין פרייקייט אויפ'ן ארט אויסגענוצט געווארן פאר איין הויפט פעולה "זיצן און לערנען". ס'איז טאקע געווען א זמן וואס צובראכענקייט, פארלוירנקייט, און פארביטערטקייט האט לייכט געקענט פאנגען און ארום נעמען. מ'האט שוין נישט געהאט א היים וואו אהיימצוקומען. מ'האט נישט געהאט די עלטערן וואו זיך צו באשיצן און זיך צו מחזק זיין. ר' משה אייזנבאך, דאן נאך א יונגער בחור, האט זיך אבער געגעבן א הייב אויף העכער אלע געפילן און באדארפענישן און זיך געזעצט צום גמרא!

פון סיביר האט ער געוואנדערט ביז ער איז אנגעקומען צו א מקום מנוחה אין א ישיבה אין פאריז פראנקרייך[1]. דארט אין פאריז האט ער געלערנט ביי א מגיד שיעור א תלמיד פון נאווארדוק.

זיין מגיד שיעור איז געווען פון אים באאיינדרוקט. ער האט באוואונדערט זיין לערנען זיין באשיידנהייט און אצילות'דיגע מדות אז ער האט גערעדט פון אים מיט אן איבער'רעש'ענדער

---

[1] אגב. מער פון זיין ביאגראפיע קענט איר זען אין א מאמר אין ספר "שלחן השבת" פון הרה"ג ר' צבי מאיר ראזנפעלד שליט"א אדער אין א נאר־וואס ערשינענעם חודש־שריפט "דער אוצר".

באגייסטערונג. א דאנק דעם מגיד שיעור'ס רעקאמאנדאציע און הילף צו באקומען א וויזע פאר ר' משה ער זאל קענען פארן לערנען אין אמעריקע אין א גרעסערן מקום תורה, איז ער בשעה טובה אנגעקומען אויף ניו יארק און אריין לערנען אין דער ישיבה גדולה בית יוסף נאווארדוק אין בארא פארק.

* * *

יענע צייט האט אין בארא פארק געוואוינט דער צדיק יסוד עולם כ"ק אדמו"ר מסקווירא זי"ע ועכ"י. צדיקים האבן געזאגט: "קדושה און אמת" זענען מושך, בפרט ווען ס'דארף צוציען איינער וואס לעבט אויך בקדושה ובטהרה מיט אן אמת. האט נישט לאנג גענומען ביז דער אפגעהיטענער בחור דער מתמיד פון נאווארדעקער ישיבה משה אייזנבאך איז געווארן צוגעצויגן צו סקווערן רבי'ן זצוק"ל.

ער איז געווארן א מקורב, א געטרייער חסיד אין פולן זין פוןווארט, און "דער קלאמקע פון דעם טיר, פון דעמאלט אן, שוין קיינמאל נישט אפגעלאזט". ר' משה ז"ל האט געפינען זיין היים ער האט געטראפן א היים ווי אלע דריי אהבות, אהבת ה', אהבת התורה און אהבת ישראל טוט זיך אינאיינעם צונויפגיסן אין א שטראם ווי פון אומדערשעפליכער קוואל, וואו אהבת עצמו חלילה איז ניטאמאל א פינטל צו געפינען.

אין דעם הייליגן באר מים חיים, פון וואו עס האט זיך געגאסן "בלי נשמע קולם", האט דער צמא לה' ר' משה אייזנבאך ז"ל געפונען את שאהבה נפשו. עס איז געווען א בחינה "ווי דאס קינד האט געטראפן דעם טאטן". דאס איז געווען "א רבי" וואס ר' משה'ס עבודה פון אלע יארן - ביז אהין - איז פון זיך אליין געווען ווי אן הכנה, וואס האט אים גרייט געמאכט צו קענען באלד

אויפכאפן אז אט דא איז ער נאנט געקומען לתועלת הנרצה.

* * *



ר' משה אין די יונגע יארן

שבחים און טיטלן אויף מענטשן זענען פון די סארט פתגמים וואס מ'האט פון כ"ק אדמו"ר מסקווירא זצוק"ל ווי נישט געהערט. ווייניג האבן זוכה געווען אז דער צדיק אמת זאל אויף זיי זאגן אפילו עפעס אן אויסדרוק בשבחם. אפילו א מינימום אין רים־ווערטער איז מפה קדשו נישט געהערט געווארן. וועגן ר' משה אייזנבאך האט מען עס יא געהערט: "משה האט ליב צו לערנען" "ער איז א פיינער בחור א ביישפיל פון א ירא שמים". ווער עס האט געקענט דעם סקווערער רבינ'ס געמאסטענע און געציילטע ווערטער ווייסט ווי פילזאגנדיג אט די אויסדריקן האבן פון אים געמיינט. דער סקווערער רבי האט אין ר' משה'ן געזען דעם "תורה'דיגן חסיד" וואס איז מער ווי א למדן און איינער וואס קען לערנען. ס'איז דא א פנימיות וואו עס קאכט א פייער פאר'ן רבוש"ע און ולא מחזיק טיבותא לנפשי'.

ווי ווייט חשוב ר' משה'ס תורה לערנען איז געווען ביים סקווערער רבי'ן זי"ע, איז אויך צו זען פון נאך זיין חתונה ווען ער האט געמוזט אנהייבן זארגן אויף פרנסת ביתו. דאן צוליב'ן ענגשאפט אין געלט, האט ער אנגעהויבן טראכטן פון איבערלאזן

## חנוכת הבית

כותלי בית המדרש און ארויס גיין אויפ'ן גאס על המחיה ועל הכלכלה.

ער איז אריין צום רבי'ן זי"ע הערן חות דעת קדשו. ווי נאר דער סקווערער רבי זצ"ל הערט ר' משה'ס שאלה געט ער זיך א רוף אן: "א שאד, א שאד".

פאר ר' משה אייזנבאך איז דאס פיל גענוג געווען. ווי א חסיד אמת האט ער שוין ווייטער גאר נישט געפרעגט און איז צוריק אין בית מדרש לערנען בייטאג און ביינאכט.

ער איז אויף א געוויסע צייט געווען א לערן-חברותא פון כ"ק מרן אדמו"ר מראחמיסטריווקא שליט"א, און מרבו הק' אויך אויסגעקליבן געווארן צו לערנען מיט בנו יחידו כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א, פון נאכ'ן בר מצוה אן. פיל אסאך מסכתות און סימני שלחן ערוך האבן זיי מסיים געווען, בעת כ"ק אדמו"ר מסקווירא זי"ע האט מיט א חביבות גדול כסדר מיטגעהאלטן אין וואס מ'לערנט. ווען דער צדיק הקוה"ט איז - בשנת תשכ"ח - נסתלק געווארן לחיי עולם הבא, האט זיך ר' משה ז"ל מקשר געווען מיט גרויס אהבה וחמימות צו כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א עד יומו האחרון בכ"א אדר שנת תשל"ב, ווען ער איז פון אונז אוועקגעריסן געווארן צו די אייביגע ווייטאג פון פיל יודעיו ומכיריו.

ערשט נישט לאנג ווען כ"ק מרן אדמו"ר מראחמיסטריווקא שליט"א האט באזוכט בבית מדרשנו, באקוקט בנין המקוה און געזאגט דברות קודש האט מען דערמאנט פאר'ן רבי'ן אז מ'בויט עס לז"נ ר' משה ז"ל. ס'איז געווען קענטיג ביים רבי'ן שליט"א א גרויס התרגשות אז ס'איז לעילוי נשמת "אזא איד!"





יארן

געקענט
וויסט
דער
חסיד"
ס'איז דא
ולא מחזיק

ביים
ווען ער
ראן צוליב'ן
איבערלאזן

## - דער קרוין וואס ר' משה ז"ל האט געטראגן -


ר' משה ז"ל

ווען איך טו באטראכטן די יסודות אויף וועלכן ר' משה ז"ל איז געשטאנען און דורך זיי זיך דערהויבן צו א שלימות, זעט מען באלד די ג' עמודי העולם, תורה, עבודה וגמילות חסדים. באמת ווערט יעדער איד גערופן זיי צו מקיים זיין. דאס זענען דאך די דריי התחייבות'ן וואס א איד דארף ערפילן ביי זיין לעבן, ס'איז דער פשוט'ער חובת האדם בעולמו.

נאר לאמיר יעדע פון זיי אביסל צעגלידערן און זיך באקענען מיט א קלארקייט ווי אזוי הרה"ח ר' משה אייזנבאך ז"ל האט זיך מיט זיין תורה, עבודה וכו' אזוי דערהויבן, ווערנדיג אן איש מורם מעם. ועל כולם, איז דאס שענסטע ביי ר' משה געווען אז ער אליין האט ניטאמאל געוואוסט אז ער איז עפעס ספעציעל און העכער פון אנדערע. אט דאס איז געווען דער קרוין און תפארת וואס ער תמיד געטראגן, נישט וויסנדיג אז ער איז מיט דעם אלץ מעוטר און באשיינט.

* * *

**תורה!** צו זאגן אז ר' משה איז געווען א מתמיד און כסדר געלערנט איז אויך א מעלה וואס קען געזאגט און דארף ארויסגעהויבן ווערן. עס איז אבער ווייט נישט ריכטיג ארויסגעברענגט וואס אזוינס זיין התמדה איז באמת געווען און וואס פארא אהבת התורה ער האט געטון אילוסטרירן.

עס געדענקט זיך גוט, ווי אפילו אין אזעלכע זמנים ווען מ'האט פארענדיגט א טאג פון עבודה, ווען מענטשן געווענליך כאפן דאן אן הפסקה פון מנוחה פון זיצן רואיג, פארברענגען אביסל, מערסטענס אריין קוקן אין א לייכטן ספר, איז ר' משה "דאן געזעצן און געהארעוועט". ווי למשל מוצאי שבת, מוצאי יום הק' נאכ'ן אהיים קומען פון שול, ווען ער האט באלד געמאכט הבדלה האט ער תיכף דערנאך געעפנט א גמרא צו א שלחן ערוך און גענומען לערנען.

דאס לערנען גמ' וכו' איז נישט געווען בלויז א לייכטער לימוד פון איבערגיין אפגעלערנטע בלעטער צו סימנים שו"ע. ס'איז געווען תורה מיט יגיעה, פארטיפט אין ים התלמוד באגלייט פון מפרשים ונושאי כלים. אזוי איז ער געזעסן און געלערנט הויעך אויפ'ן קול, מיט א ברען און א געשמאק אפילו אין די זמנים ווי מוצאי שבת, ערב שבת נאכמיטאג, פורים נאהך זיין סעודה ביזן גיין צום טיש א.א.וו.



נאך אן הבדלה,
בשעת'ן רעאגירן צום בילד...

נוסף צו זיינע שיעורים קבועים האט ער תמיד צוגעלייגט פרישע לימודים, צום ביישפיל בספרי מוסר וחסידות - ספר חרדים, קיצור של"ה א.ד.ג. - צו פאר יעדן יום טוב ויומא דפגרא די מסכתות, גמרות און שולחן ערוך, וואו מ'קען לערנען מעניני דיומא.

דעם "כי הם חיינו" האט מען ביי ר' משה אייזנבאך געזען מדי

יום ביומו ומדי שעה בשעה. אויך בשעת'ן עסן האט מען אים געזען ביים אפענעם ספר - ווי אהין איז ער געווען פארטיפט און וואס ס'איז געלעגן אין עלטער האט ווי מיט אים קיין שייכות נישט געהאט. תורה מיט איר אומענליכן כח פון זיכוך הנפש האט אים געהאלפן צו-קומען צו א רוחניות'דיגע לעבן פון "בכל דרכך דעהו" אויף יעדן שריט און טריט.

* * *

תפילה! צו קענען "דאווענען" שרייבט דער "מאור עינים": "צריך שיהי' מחשבתו זכה ונקי', ויהי' אז דבורו גם כן זך ונקי, שיוכל לדבק את עצמו בבורא ברוך הוא". דאווענען איז התדבקות אין אויבערשטן. נאר צו דעם דארף מען האבן א ריינעם און לויטערן מחשבה. א איד ווי ר' משה, וואס האט אפגעווייכט נישט בלויז פון הבלי הזמן נאר פון אלץ וואס איז פשוט גשמיות און חיצוניית האט זוכה געווען צו אזא דאווענען פון כולו התדבקות.



לינקס: ר' משה ז"ל - וואס יארן האט ער באגלייט דעם סקווערער רבי'ן זי"ע צום דאווענען צוזאמען מיט להבחל"ח הרב ר' זלקא קארן לרפו"ש ולאויט"א

געקומען אין ביהמ"ד איז ער אלעמאל נאך פאר'ן דאווענען. נאך פאר ברכות אדער ביי מנחה מעריב פאר'ן אנהייב ממש. ווען מ'האט אים געזען שטיין אין ביהמ"ד, האט מען באשיינפערליך געזען ווי "דא שטייט א איד לפני מלך מלכי המלכים". מ'האט נישט געדארפט זען קיין תנועות און מ'האט נישט געדארפט הערן קיין צעקות צו בכיות צו מערקן דעם פלאמיגן פייער אשר תוקד בו. זיין דאווענען איז געווען ארום גענומען מיט יראת ה' מיט פחד ה'. די קאכעדיגע התעוררות דערפון האט זיך געהערט ביים ארויס זאגן יעדעסווארט אין סידור, קלאר און דייטליך. ס'איז געווען אין א בחינה פון "ובאת אל התיבה". ער איז אריין געקומען אין יעדן ווארט עקסטער מיט'ן פולן כוונה און מיט א פרישן דחילא ורחימא. ווער נאך ווי כ"ק אדמו"ר מסקווירא זי"ע איז געווען א מבין אויף ר' משה'ס דאווענען. האט ער טאקע אמאל געזאגט: "ס'איז מיר הנאה ווען ר' משה גייט צו צום עמוד".

זיין עבודה פון דבקות בדיבורי תפילה ותחנונים איז געווען ביחידות בביתו ווי אין ביהמ"ד "ברבים". ער האט געהאט א מקום קבוע אין זיין דיינונג־ראם וואו ער האט יעדן טאג געזאגט ברכת התורה מלה במלה בכוונה עצומה, אויפ'ן זעלבן אופן און אויפ'ן זעלבן מקום האט ער געזאגט ברכת אשר יצר און יעדן אויפדערנאכט קריאת שמע על המטה, וואס איז פאר זיך געווען א מעמד פון קבלת עול מלכות שמים בעפאר זיין "בידך אפקיד רוחי". יעדע ברכת המזון וואס מ'האט אים געזען בענטשן סיי אין ביהמ"ד בין הציבור סיי ביי זיך אין הויז, איז אלץ געווען א נייער עבודה לה', מיט א דערהויבענעם ערנסטקייט וואס האט מיט זיך געטראגן א נעימות'דיגן און א מתיקות'דיגן כאראקטער.

* * *




...סקווירער רבי'ן זי"ע
...לרפו"ש ולאווט"א

**שבת קודש!** אט דער הייליגער טאג, דער חמדה גנוזה ומתנה טובה ויקרה וואס דער רבוש"ע האט אידן געגעבן, האט ר' משה אייזנבאך ז"ל איבערגענומען מיטביידע הענט און מיט איר זיך משתשע געווען כל ימיו. זיין הכנה און השתוקקות צו שבת קודש האט זיך אנגעהויבן דאס פריסטע וואס נאר מעגליך. תמיד בכל יום שישי איז ער געווען פון די עשרה ראשונים אין סקווערן שטעטל צו גיין אין מקוה זיך צו מטהר זיין לכבוד השבת און צו אננעמען דעם תוספת טהרה פאר'ן נשמה יתירה, צו וועלכן ער גייט פריש זוכה זיין. מ'האט געזען אפילו אויף זיין גיין אין גאס - אויפ'ן וועג צום מקוה - אז ס'קאכט מיט קדושת היום וואס קומט.

דאס גאנצע שבת האט ביי איס געשיינט מיט א העכערע הארה. אין דעם טאג איז געקומען צום אויסדרוק זיין "והכינו את אשר יביאו" פון די אפגעלאפענע ששת ימי המעשה. זיין "מי שטרח, בערב... יאכל בשבת" צו וועלכן ער האט זוכה געווען מיט אמת'ע מסירת נפש, האט זיך אויך אריבער געטראגן צו די ארומיגע. זיצנדיג ביי זיין שבת טיש האט זיך אינעם אטמאספער געפילט דער תענוג רוחני וואס א איד קען פילן דורך קדושת השבת.

אלע אידן וואס פלעגן קומען אין שול אין סקווירא פאר קבלת שבת, האבן "קיינמאל נישט" געהאט קיין ערפארונג פון נישט טרעפן ר' משה אייזנבאך ז"ל זיצן ביי זיין פלאץ אלס זריז וקדים צו אנהייבן מיט'ן עבודת היום ווי נאר שבת איז צוגעפאלן. ער פלעגט וועכענטליך דארט זאגן שיר השירים - די הייליגע פסוקים פון געגועים פון בוכ"ע צו אידן און צוריק פון אידן צום בוכ"ע. ער האט דאן אויך מעביר סדרה געווען און די איבריגע צייט ביז צו מנחה אויסגענוצט מיט לימוד התורה בספרי חסידות א.א.וו.

באלד נאכ'ן דאווענען - ווי ס'שטייט אין הלכה - איז ער

אהיים פון שול. ווי נאר ער איז אריין אין שטוב געזאגט "גוט שבת" האט ער תיכף אנגעהויבן שלום עליכם, נאך אנגעטון מיט'ן רעשוואלקע כמנהג אבותיו.

ווי שיין און ווי יראה'דיג איז געווען ר' משה'ס הכנה צו קידוש - וואס איז כידוע א זמן התעוררות פון "חרטה על העבר וקבלה על העתיד" (כלשון "דרך פקודך") - און בפרט זיין עצם קידוש מאכן, פון שטיין מיט'ן בעכער אין האנט פאר'ן בוכ"ע און באימה וביראה עדות זאגן על בריאת שמים וארץ. ס'האט זיך אינעם ארויסזאג פון די ווערטער געשפירט דעם ציטער פון קומען מעיד זיין על יחודו ואחדתו יתברך שמו און אין דער זעלבער צייט איז ער געווען דורכגענומען מיט חדוה רבה פון קענען פונדאסניי מקדש זיין דעם שבת וואס "באהבה וברצון הנחלתנו".

נאך יעדע שבת'דיגע סעודה האט ער געזאגט משניות שבת. און מ'האט נישט געדארפט זיין א גרויסער בר בי רב צו ארויס הערן אז די משניות ווערן געלערנט ווי איידער געזאגט.

צו קענען סומירן ר' משה אייזנבאך'ס שבת, איז עס דוכט זיך אממריכטיגסטן אפגעטייטשט, מיט די ווערטער פון גרויסן מגיד זי"ע. דער הייליגער רב ר' בער האט געזאגט: סיי שבת און סיי יראת השם זענען ביידע גנוזים אין זעלבן מקום בשמים. ווען א איד איז זוכה צו דערשפירן אור קדושת השבת קומט אויך אויף אים דאן ארויף אן אימה ויראה עילאה.

### - ר' משה'ס אפענע טיר און אפענע הארץ -

יא, אפילו אזוי געהויבן, אפילו אזוי אריין געטון אין לערנען, איז זיין אויפנעמען אנדערע געווען מיט א סבר פנים יפות, פון וואו

עס האט ארויס געפינקעלט א לעכטיגער און ווארעמער שמייכל. זיינע מדות בין אדם לחבירו איז געווען איין שטיק גוטסקייט און פריינטליכקייט. ער האט נישט סובל געווען צו הערן חלילה א עפעס נישט־גוט אויף אן אנדער איד. ווען ס'איז צו אים באונס יא אנגעקומען א נישט־גוט ווארט האט ער תמיד באלד רעאגירט מיט זיסע לימוד־זכות'דיגע ווערטער וואס האט דעם בארעדנדן געשטעלט אונטער א שיינעם ליכט, זוכענדיג סיי וועלכע תירוץ, נאר יענעם צו פארענטפערן.

זיין "נח למקום ונח לבריות" קענען מיר בעסער פארשטיין מיט וואס ספרים זאגן אויפ'ן רש"י פון פסוק "כי תעשה הישר והטוב בעיני השם" אין פ' ראה. רש"י זאגט: "הטוב בעיני השמים והטוב בעיני אדם". פרעגן זיי: דער פסוק פירט דאך אויס נאר "בעיני השם" ווי נעמט רש"י צו זאגן אויך "בעיני אדם"?

נאר דערפון איז צו דרינגען אז מענטשליכע עטיק ביי א איד איז איינס מיט געטליכקייט. הגם ס'איז ענינים שכליים מצד אנושיית איז עס ביי אן ערליכן איד אן הנהגה קדושה וואס קומט בפועל יוצא פון זיין התדבקות בה' ובתורתו הק'. פאר מיר פערזענליך איז ר' משה אייזנבאך זצ"ל געווען א סימבאל פון אזא סארט פארקערפערונג פון טוב למקום וטוב לבריות.

ער פלעגט לויבן די גוטס פון אנדערע עושי מצוות ומעשים טובים אפילו יענע האבן עס נישט געהערט. ווייל ווען ער האט גערעדט בשבח ישראל איז עס געווען פארבינדן בשבח המקום. ער האט געפילט ווי ער לויבט דא קינדער פון אויבערשטן. - פון זיך ערגערן אדער חלילה בייזערן אויף א צווייטן, איבער אייגענע צו איבער ציבור'ישע אינטערעסן מאן דכר שמי'!

דאס זעלבע איז געווען זיין אהבה בלי גבול צום סקווערער



גאנץ רעכטס: ר' משה ז"ל. אין צענטער כ"ק אדמו"ר מסקווירא זי"ע גייענדיג לחופת בנו כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א. רעכטס: דערקענט מען כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א, לינקס: דער חתן און אנדערע מקורבים. - ביי דעם חתונה האט דער סקווערער רבי זצ"ל מיט חשיבות אנגעוויזן אויף ר' משה צום מחותן דער "אמרי חיים" זצ"ל

רבי'ן זי"ע. עס איז נישט געווען בלויז צוליב למשל הכרת הטוב איבער וואס דער רבי האט אים געטון אדער ווייל ער באלאנגט צום סקווירא חברייא. ער איז געווען דער אמת'ער חסיד ומבקש ה' וואס טאקע זיין געגועים צו עבודות ה' האט אין אים ערוועקט די מורא'דיגע אהבה וחדוה האבנדיג די זכי' צו קענען זיין מקושר לצדיק, מקבל זיין מדרכיו הקדושים ולבקש תורה מפיהו.

* * *

טאקע דערפאר ווייל זיין אהבת הבריות איז געווען געבויט אויפ'ן יסוד פון ליב האבן דעם טאטן אין הימל וואס דורך דעם האט מען ליב אלץ וואס איז נאנט און געהערט צו אים, האב איך אלס א פרעמד אידיש קינד - אינגאנצן נישט לויט זיין לעבנס-שטייגער - אויך ביי אים געטראפן אן אפן אידיש הארץ און אן אפן אידישער טיר וואו ס'האט געהערשט אן אומענליכן

גאסטפרייטנליכקייט.

ער איז טאקע געווען א איד פון גאנץ אן אנדער חדר, פון לומדי'שן יארוסלאוו פון ישיבה'שן נאווארדוק, פון חסידישן סקווירא... דאך האט ער געטראפן דעם שפראך צו אן אמעריקאנער יונגל פון א גאנץ ווייטן-קרייז. דער אמת'ער ארגינאלער רצון פון קירוב לבבות לה' ולתורתו הק' האט - פון זיך אליין - דורך געבראכן אלע גבולות פון צווישן שיכטן און שפראכישע דיפערענצן. זיין קענטעניס בשפת המדינה ענגליש, איז געווען זייער באגרעניצט, און ווידער איך האב, אידיש, כמעט קייןווארט נאך דאן נישט געקענט, אבער הארץ האט געפילט הארץ.

זייענדיג דעמאלט א קינד אין אכטן קלאס אין שולע - האב איך טאקע אין ר' משה אייזנבאך געטראפן נישט בלויז א גייסטרייכער פיגור, א חסידישער פערזענליכקייט בתורה ובעבודה. אין פיל הינזיכטן האב איך געשפירט אז דער איד איז גאר צו מיר ווי א טאטע. ס'האט זיך פון אים געגאסן א פאטערליכע ליבשאפט וואס האט מיר אזוי געגלעט און ארום גענומען.

צוזאמען מיט זיין חשוב'ע עקרת הבית זאל געזונט זיין, האב איך צווישן זיינע ווענט געפילט ווי איך בין גאר ווי א משפחה-מיטגליד. אזוי טאקע האב איך געקענט זיין זייער גאסט, פאר זיבן יאר נאכאנאנד, אויף שבתים און ימים טובים. כ'האב געפילט אן אויפריכטיגקייט אין זייער אהבה אז אויף א רגע איז מיר נישט געקומען אין געדאנק אפשר בין איך זיי לעול ולמשא, אפילו ווען ס'זענען דארט געווען וויפיל נאך געסט. ר' משה האט מיר באמת געוואלט מחי' זיין און ער האט עס טאקע למעשה געטון.

אז א איד קען צוקומען צום מדריגה פון "ואהבת לרעך כמוך", מיט א לשמה'דיגע אהבה - אן דעם וואס ער וועט פארדעס

דערפון אפילו א משהו פארדינען און נהנה זיין עפעס כבוד המדומה א.ד.ג. פשוט ווייל ער האט ליב דעם בוכ"ע'ס א קינד - האב איך מיר אויף אליין מיטגעלעבט אלע יארן וואס כ'בין געווען ביי ר' משה אייזנבאך א יוצא ונכנס. באזונדערס איז עס געקומען צום אויסדרוק ווען ס'איז געקומען צו יום חתונתי ויום שמחת לבי. סיי שבת אויפרוף סיי שבת שבע ברכות איז ווי משפחה'דיג געפראוועט געווארן אין זיין חשוב'ער שטוב. זיין מיר גרייט מאכן מיט דברי תורה ודברי הדרכה צום איינמאליגן יו"כ אין לעבן ביום החופה איז געווען באהארצט מיט א עקסטערע ווייכקייט און ווארימקייט אז ס'האט אויף מיר לתמיד עושה רושם געווען. ביים מעמד החופה האט ר' משה געליינט דער כתובה.

* * *

אט דאס אלץ האט זיך אנגעהויבן אין א פרילינגדיגן זונטאג בשנת תשכ"ה ווען ער האט מיר געזען זיצן אין אלטן שול אין סקווערן שטעטל. יענעם זונטאג בין איך אנגעקומען קיין סקווירא, זייענדיג שוין העכער די בר מצוה. כ'בין אבער נישט געווען געקליידעט ווי די לאקאלע בחורים נאר מיט א גרינעם סוועטער און א קאלירטן קאפל...

געקומען בין איך אין שטעטל צוליב א שאלה אויף מיין תפילין וואס כ'האב געוואלט ווייזן א סופר. מיין רבי אין מוסד אין ספרינג וואלי מו"ה חיים הערש פערל הי"ו א געוועזענער תושב אין סקווערן שטעטל ביי וועם כ'האב דאן געלערנט, האט מיר מציע געווען צו גיין אויף סקווירא וואו כ'וועל געוויס טרעפן אן ערליכן סופר א מדקדק במצוות.

פון ספרינג וואלי בין איך צופיס געקומען צו גיין. כ'בין אריבער צום הויז פון ר' משה יצחק גרינוואלד זאל זיין געזונט, וואו מ'האט

מיר אנגעוויזן אז ער איז עוסק אין תפילין. ר' משה יצחק האט מיר געזאגט אז ס'וועט געדויערן ביז ער וועט עס עפענען, בודק זיין וכו' זאל איך אריבער אין ביהמ"ד אויף א שעה און דערנאך צוריק קומען.

זיצענדיג אין שול איז החסיד המפו' רבי משה גבאי ז"ל צו מיר צוגעקומען געבן שלום און אנגעהויבן רעדן. איך האב איס געענטפערט אויף ענגליש אז כ'פארשטיי נישט אידיש, האט ער צו מיר צוגעשיקט דעם "ענגליש-פראפעסער" וועלכער האט זיך דאן געפינען אין ביהמ"ד ר' משה אייזנבאך...

ר' משה איז צו מיר צוגעקומען און מיט מיר געמאכט א שמועס וואס איז באלד צוגעפירט געווארן צו מיין אייגענעם לעבן און אינטימליכע מחשבות אין יענע טעג. ער איז אזוי נאנט אריין געקומען צו מיינע הרגשים און רצונות אז זיין ווילן פון קירוב און מיר צו העלפן נאכקומען מיינע באגערן האט זיך יענע מינוטן אויף אן אמת אנגעצינדן. והא ראי', ס'איז געבליבן געגוי אזוי גליענדיג - ווי ביים ערשטן מינוט אן - ביז זיין הייליג-הארץ האט אויפגעהערט קלאפן.

כ'געדענק כסדר דעם פאל פון יענע יארן ווען כ'האב נאך געלערנט אין ספרינג וואלי, אז כ'בין געקומען צו ר' משה אין ביהמ"ד בעת ער האט געלערנט מיט להבחל"ח כ"ק אדמו"ר מסקווירא שליט"א. דאס איז געווען נאך א שבועות בעפארן פארן אין א ישיבה'שן זומער קעמפ.

איך האב זיך פאר איס דאן אפגערעדט פון הארצן אז איך לערן יעצט מס' ברכות וואס קומט מיך אן שווער צוליב דעם וואס עס האט נישט קיין נקודות און אפגעטיילטע פאראגראפן און זאצן, אזוי אויך פיל איך אז עס וועט מיר זיין גאר שווער אין קעמפ וואו

מען האט מיר מודיע געווען אז מען גייט לערנען מס׳ בבא מציעא.

א וואך דערויף בין איך נאכאמאל געקומען און צוגעגאנגען צו די חברותא און עס האט זיך מיר נישט געגלויבט וואס איך זע: עס ליגן אויפ׳ן טיש צוויי גמרות מנוקדות, מס׳ ברכות און מס׳ בבא מציעא...

* * *

זיין געטריישאפט און איבערגעגעבנקייט צו מיר איז שטענדיג געווען סיי בגשמיות און סיי ברוחניות, ווי א שטייגער פון איבערגיין א שווער שטיקל גמרא אין מיינע ערשטע ישיבה יארן, ביז זארגן פאר אלע מיינע הצטרכות׳ן ווי קויפן ספרים (ספרים זענען דאן געווען א גאר טייער ארטיקל), אדער מיר באזארגן מיט פולע גראסערי ארדערס, מיר צו העלפן איבערקומען גשמיות׳דיגע נויטן.

עס איז דאס ערשטע מאל וואס כ׳ברענג מיט טינט אויף פאפיר וואס עס געדענקט זיך אין מיר וועגן דעם איש חסיד. זיין אש קודש ביים דאווענען, זיין הויכע איכות ביים לערנען, זיינע לעכטיגע שבתים וימים טובים, זיין ריכטיגע אמונת צדיקים, זיין אצילות׳דיגן בין אדם לחבירו, זאל לתמיד בלייבן א ביישפיל פאר אלע וואס האבן אים געקענט און ווילן אפלערנען דעם ריכטיגן תוכן פון "א חסידישער איד" וועלכער איז געווען אן אפשפיגלונג פונעם הערליכן אמאל.

זיסקייט, גוטסקייט, ווייכקייט, קענען אמאל אויסזען סתירה׳דיג צו הויכע גאר־ערנסטע עבודה. ביי ר׳ משה אייזנבאך איז דאס געגאנגען צוזאמען. זיין קנאת ה׳ צבקות איז נישט געווען צו אנדערע, נאר צו זיך אליין. מיט דעם אלעם טאקע איז ער געווען דער חסיד אמת ההולך בדרכי רבו הגדול, הקוה״ט, כ״ק אדמו״ר מסקווירא זי״ע.



חצר הקודש רא



חצר הקודש

## חנוכת הבית

בזכות וואס מיר וועלן זיך מחזק זיין און מדבק זיין אין זיינע דרכים וועט ער בסיעתא דשמיא קענען זיין פאר אונז א מליץ יושר לישועות והשפעות טובות, ביז מיר וועלן בקרוב זוכה זיין צו ביאת משיח ותחית המתים יחד און מיר וועלן זיך בעזר השם מיט אים ווידער טרעפן.

זכר חסיד לברכה!



**חצר הקודש ראחמיסטריווקא - ירושלים עיה"ק**



**חצר הקודש ראחמיסטריווקא - בארא פארק**

זיינע
יושר
ביאת
אים